בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ה' פ' במדבר | כ"ב אייר | תשע"א | פסחים: נ"ע:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן אווענט זענען משפחת גרינפעלד החשובה שיחיו בני הרה"ח יבדל"ח ר' דוד לייב ז"ל, אריין אל הקודש פנימה ווי דער רבי שליט"א האט אריינגעשריבן דאס ערשטע אות אינעם ספר תורה וואס זיי לאזן אצינד שרייבן לע"נ זייער אומפארגעסליכען פאטער ז"ל.

## הכנות צום יו"ט שבועות בצל הקודש אין קרית מלך רב

אצינד אין די טעג גייען אהן די פיבערהאפטיגע הכנות צום בעפארשטעהענדן געהויבענעם יו"ט שבועות בצל הקודש אין קרית יואל, ווי אזוי ווי יעדעס יאהר וועלן זיך אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר צונויפקומען צום יו"ט פון קבלת התורה בצילא דמהימנותא פון מרן רבינו שליט"א אין קרית מלך רב המעטירה – קרית יואל, און פראווען דארט דעם יו"ט אויף א געהויבענעם פארנעם.

א שטאב מיט עסקנים גיבן זיך אפ אין די טעג מיט'ן דינגען און פארדינגען דירות פאר די הונדערטער משפחות קעיה"ר וועלכע זענען ערווארטעט אין קרית יואל.

ביגעלייגט זענען די מודעות איבער די דירות און איבער די זמנים פון זיצן פארדינגען אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, און אין וויליאמסבורג.

## ניחום אבלים

ביי משפחת המנוח הרה"ח הישיש ר' שמואל יצחק רייך ע"ה זיצט מען שבעה ביז ערב ש"ק נאכמיטאג. מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 108 העיווארד סט. אין וויליאמסבורג.

ביי משפחת הרה"ח הישיש ר' שלמה זלמן ב"ר משה דוב שווייד ז"ל זיצט מען שבעה ביז מאנטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 1245 50'סטע גאס אין בארא פארק.

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.